


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.



## אמרות שמשון

### דער אויפטו פון קרבנות • עבירות במזיד קומט נאָר נאָכן עובר זיין עבירות בשוגג • אין גלות ווען מען פאַרדעכענט אַלץ אונס צוליב די צרות •
### שיינע טייטש אינעם פסוק 'שגיאות מי יבין'

**וְסָמַךְ יָדוֹ עַל רֹאשׁ הָעֹלָה וְנִרְצָה לוֹ לְכַפֵּר עָלָיו** (א, ד): א קרבן איז נאר מכפר אויף א עבירה וואס דער מענטש האט געטון בשוגג. אויב אזוי דארף מען פאַרשטיין וואס איז דער אויפטו פון קרבנות? עס בלייבט דאך איבער אויפן מענטש די אלע הארבע עבירות וואס ער האט געטון במזיד, וואס דאס איז פיל הארבער פון עבירות בשוגג.

**נאך** דארף מען פארשטיין, עס שטייט אין חז"ל (יומא דף ט') דער בית המקדש איז חרוב געווארן צוליב דעם וואס כלל ישראל האט געזינדיגט.

**פון** אויבן-אויף איז דאס שווער צו פארשטיין, איינמאל מען נעמט אוועק דער ביהמ"ק, און מ'האט נישט מער דעם מעגליכקייט צו מקריב זיין קרבנות וואס ברענגט א כפרה אויף די עבירות, ווי אזוי וועט מען האבן א כפרה?

- אדרבה - אויב דארף מען האבן א כפרה, זאל מען יא איבערלאזן דעם ביהמ"ק אזוי וועט מען קענען מקריב זיין קרבנות, און דורכדעם וועט מען האבן א כפרה.

**דער** תירוץ איז, דער טעם פארוואס א קרבן איז נאר מכפר אויף א שוגג און נישט אויף מזיד, ווייל ווען א מענטש טוט א עבירה בשוגג, טוט דער חטא צוברענגען ער זאל זיך דערווייטערן פון הקב"ה.

**און** דורכדעם וואס מען איז מקריב א קרבן איז מען זוכה צו ווערן צוריק נאנט צום באשעפער, דאס איז דער באדייט פון דאס ווארט '**קרבן**' וואס איז מלשון הקרבה - זיך דערנענטערן.

**דאס** איז נאר ווען איינער טוט א עבירה 'בשוגג', וואס די עבירה איז נישט פוגם אין די נשמה, נאר עס טוט פאַרשאפן אַ דערווייטערונג פון באַשעפער, אויף דעם העלפט א קרבן.

**דאַקעגן** ווען א מענטש טוט אַ עבירה 'במזיד' וואס איז פיל האַרבער, דאַן ווערט געשאַפן א פגם אין די נשמה און ער קען נישט צוריק נתקרב ווערן צום באשעפער איידער ער טוט פאַרריכטן דער פגם אינעם נשמה, און אויף דעם העלפט נישט קיין קרבן.

**עס** שטייט אין חז"ל, ווען דער יצר הרע קומט צורעדן א מענטש צו טון א עבירה, קומט ער נישט גלייך צורעדן מיט א גרויסע עבירה, נאר צוערשט פראָבירט ער צורעדן דער מענטש מיט א קליינע עבירה, אויב דער מענטש פאַלט דורך, קומט ער נאכדעם מכשיל זיין מיט גרויסע עבירות.

**דערפאַר** האט דער אויבערשטער געגעבן פאר כלל ישראל א 'מתנה' דעם ביהמ"ק מיט אירע קרבנות, כדי אויב דער יצר הרע פאַנגט אן צו מכשיל זיין מיט שגגות זאל מען קענען זאָפאָרט ברענגען א קרבן און האבן א כפרה, און מען זאל חלילה נישט צוקומען נכשל צו ווערן מיט עבירות חמורות - במזיד.

**מיט** דעם פארשטייט מען דער אויפטו פון קרבנות וועלכע העלפט נאר צו מכפר זיין אויף עבירות בשוגג, וויבאלד אויב ברענגט מען גלייך א קרבן אויף די שגגות וועט מען קיינמאל נישט צוקומען צו עובר זיין עבירות במזיד.

◆ ◆ ◆




**אבער** אויב כלל ישראל זינדיגט און האט נישט חרטה אויף די עבירות בשוגג, דאן ווערט מען נכשל מיט גרעסערע עבירות, מיטן עובר זיין עבירות במזיד, אויף דעם וועט שוין מער נישט העלפן די קרבנות, ווייל וואס העלפט א כפרה אויף שגגות אויב מען פארמאגט מיט זיך אויך זדונות? און אויף זדונות העלפט דאך נישט קיין קרבנות.

**צוליב** דעם מוז מען צוקומען צו א כפרה דורך אַן אַנדערן וועג, וואס דאס איז צו פאַרטריבן ווערן אין גלות און דער ביהמ"ק וועט חרוב ווערן, און דאס וועט זיין א עונש אויף די עבירות במזיד.

**און** ווען מען איז פארטריבן אין גלות און מ'טוט עבירות ווערט די עבירות פאַררעכנט ווי א 'אונס' צוליב די צער און צומישעניש וואס מ'ליידט פון די אומות העולם.

**אזוי** ווי עס שטייט אין 'מדרש' (ילקוט פרשת בשלח אות רל"ד), דער 'מלאך מיכאל' האט מליץ יושר געווען אויף כלל ישראל אין מצרים, טראץ וואס זיי האבן געדינט עבודה זרה איז דאס נישט געווען זייער שולד, נאר צוליב די צער השעבוד. און מיט'ן צער הגלות און צער השעבוד ווערט נתכפר אויך די עבירות חמורות.

◆ ◆ ◆

**מיט** דעם אויבנדערמאנטע פשט קען מען פאַרטייטשן דעם פאלגענדע פסוק אין תהלים (יט, יג): **שְׁגִיאוֹת מִי יָבִין מִנִּסְתָּרוֹת נַקֵּנִי, גַּם מִזֵּדִים חֲשֹׂךְ עַבְדֶּךָ וגו'**.

**שְׁגִיאוֹת מִי יָבִין** - א מענטש קען זיך נישט אפהיטן פון טון עבירות בשוגג, דערפאר האט דער אויבערשטער געמאַכט ווען א מענטש ווערט דערוואוסט אז ער איז געשטרויכלט געווארן מיט א עבירה בשוגג, קען ער תשובה טון און בעטן מחילה (און מקריב זיין קרבנות), אזוי וועט ער נתכפר ווערן אויפן עבירה.

**מִנִּסְתָּרוֹת** - עבירות וואס ער ווייסט נישט בכלל ער האט עובר געווען, בעט מען דער באשעפער **נַקֵּנִי** - דער אויבערשטער זאל דאס אליינס מוחל זיין אן קיין תשובה. און נאָכדעם וואס מען ווערט נתכפר אויף ביידע סארט עבירות, 'שגגות' דורך תשובה און 'נסתרות' דורכ'ן באשעפער, וועט מען זוכה זיין צו **גַּם מִזֵּדִים חֲשֹׂךְ עַבְדֶּךָ** - מ'וועט חלילה נישט צוקומען צו עובר זיין עבירות במזיד, (וואס עבירות במזיד קומט אויף א מענטש נאר אויב ער האט נישט געהאט א כפרה אויף עבירות בשוגג). (פרשת פקודי אות ד')

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

| לברכה והצלחה | לברכה והצלחה | לברכה והצלחה | לעילוי נשמת |
| --- | --- | --- | --- |
| יונתן שמואל בן רבקה דינה<br>הצלחה וברכה בכל מעשי ידיו | דניאל אודי בן רג'ינה מלכה<br>לברכה והצלחה "בתים מלאים כל טוב גם עושר גם כבוד" | צבי יצחק דוב בן גיטל חיה<br>זוג' מרים סאבל בת אסתר<br>ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר<br>שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים | האשה החשובה מגזע קדושים<br>מרת פייגא רחל ע"ה בת הגאון<br>רבי יצחק דוד שלום מינצברג זצ"ל<br>משגיח ישיבת חכמי לובלין נלב"ע כ"ז אדר ב' ת.נ.צ.ב.ה. |

# גבורת שמשון

## סיפורי ישועה

**עס פארציילט הרה"ח ר' חיים וואקסמאן הי"ו פון לאנדאן יצ"ו:**

## די לאנג ערווארטעטע מארגעדזש

**מיט** בערך א יאר צוריק האט מען מיר פארגעשלאגן צו אינוועסטירן אין א געוויסע פראפערטי, וואס איז געווען - צוליב פארשידענע סיבות - פיל ביליגער ווי די געווענליכע פרייז אויפן מארקעט. די אינוועסטמענט איז געווען גאר א געלונגענע און גלענצנדע געלעגנהייט, וואס וועט בס"ד קענען ארויסקומען דערפון גאר שיינע רווחים, און דאס איז געווען עפעס וואס מאכט זיך נישט יעדן צווייטן טאג.

**נאכן** אריבערגיין אלע נויטיגע דעטאלן, און דורכבליקן מיט פארזיכטיגקייט אלע לעגאלע דאקומענטן איבער די אינוועסטמענט, איז מיר ווידעראמאל אויסגעקומען זייער קלאר איז דאס איז ממש 'א מציאה' וואס לוינט זיך צו אריינטאנצן דערין בס"ד.

**אבער** וויבאלד דער אייגנטומער פונעם פראפערטי האט וויכטיג געדארפט האבן 'קעש געלט', האט ער זיך אויסגענומען אז ביים אפגעקויפן די אינוועסטמענט, מוז מען אראפלייגן גאר א באדייטנדע סומע געלט, גלייך אויפן פלאץ, וואס דאס איז געווען עפעס וואס איך האב דעמאלטס זיך נישט געקענט ערלויבן. צוליב דעם וואס ארויס באקומען א מארגעדזש פונעם באנק קען נישט פאסירן פון איין טאג אויפן צווייטן.

**נישט** ווילנדיג פארלירן די געלעגנהייט, האב איך זיך דערוואוסט - בהשגחה פרטית - איבער א געוויסע קאמפעני וואס איז ספעציעל געמאכט פאר אזעלכע אומשטענדן, זיי לייגן אויס די געלט פון פאראויס, און פארשרייבן די פראפערטי אויף זייער נאמען, און שפעטער וואס מען באקומט די מארגעדזש פונעם באנק, און מען האט די פארלאנגטע סומע געלט צו באצאלן, פארשרייבן זיי עס איבער אויפן נאמען פונעם קויפער.

**איך** האב זיך דורכגעקומען מיט די קאמפעני, און די געשעפט איז ברוך ה' גלייך געשלאסן געווארן אין א מזל'דיגע שעה, זייענדיג צופרידן אז איך האב געקענט אדורכפירן די געשעפט, און גלייך נאכדעם האב איך אנגעהויבן צו ארבעטן אויף די פראצעדור פון באקומען א מארגעדזש פונעם באנק, ווייל ווילאנג עס איז נישט פארשריבן אויף מיין נאמען איז דאך גארנישט פארזיכערט, און איך האב אנגעהויבן צאמזאמלען די נויטיגע דאקומענטן וואס די באנק האט פארלאנגט.

**טראץ** וואס געווענליך געדויערט בלויז א חודש - צוויי צו ארויסבאקומען די מארגעדזש, האט זיך עס דא פארלענגערט אסאך לענגער ווי ערווארטעט, און אין לויף פון א גאנצע קיילעכדיגע יאר! בין איך געווען פארנומען מיטן באנק, וועלכע האט נישט אויפגעהערט צו פארלאנגע אלע סארטן דאקומענטן און פערמיטן, וואס יעדע זאך האט געדויערט צייט ביז מען האט עס געקענט אהערשטעלן און באשטעטיגן.

**נאך** א גאנצע יאר, האט מען ענדליך געמאלדן פון באנק, אז קומענדיגע וואך וועלן זיי זיין גרייט צו באשטעטיגן די מארגעדזש, אבער צו מיין גרויסע אנטוישונג - פרייטאג אינדערפרי - באקום איך ווידעראמאל א מעלדונג פון באנק אז עס פעלט נאך עטליכע דאקומענטן, און זיי ציען צוריק פון זייער באשטעטיגונג איבער דאס מארגעדזש.

**זייענדיג** זייער אנטוישט, פון אריינלייגן העכער א יאר פון ארבעט, אן קיין סוקסעס, בין איך אריינגעקומען אין ביהמ"ד פרייטאג צונאכט'ס, און אויפן טיש איז געלעגן דער ספר זרע שמשון. איך האב זיך גלייך צו דעם ספר, און זיך מקבל געווען אויפן ארט - בלי נדר - צו לערנען יעדן שבת דער ספר פאר א לענגערע צייט, און דאס זאל זיין פאר א ברכה און זכות, כדי זוכה צו זיין צו די הייליגע הבטחה פונעם מחבר וואס האט צוגעזאגט 'בתים מלאים כל טוב', און די אלע עיכובים און שטרויכלונגן זאלן פארשוואונדן ווערן.

**ר'** חיים פארענדיגט זיינע ווערטער מיט התפעלות: גלייך אינעם קומענדיגע מאנטאג, האט איך באקומען די איבערראשנדע פריידיגע מעלדונג פונעם באנק, אז זיי האבן שוין באשטעטיגט די מארגעדזש - אפגעזען פון זייער לעצטיגע פארלאנג - און אין די קומענדיגע טעג וועלן זיי אריבערפירן די געלט.

**דערמיט** האב איך מיטגעהאלטן און געזען ווי די הבטחה פונעם הייליגן זרע שמשון ווערט מקוים, און דער הייליגער זרע שמשון איז מליץ יושר פאר די וואס זענען מקיים זיין הבטחה, און מען ווערט געהאלפן בכל מילי דמיטב.

**זכותו הק' יגן עלינו, ועל כל ישראל, אמן.**

---

מתוך ברכת והבטחת הרב המחבר
רבנו **שמשון חיים נחמני** זלה"ה
בבקשתו ותחינתו בהקדמת ספריו

'למען אחי רעי ותלמידי ישאו את שמי על שפתם, ועל הטוב יזכר שמי בפיהם אחר מותי, כאשר בעשר לשונות של תפילה אני מחלה פניהם, ובעל הגמול ישלם במיטב חי אריכי ומזוני טפי לגומלי חסדים טובים'.

* * *

'כאשר אני מחלה פניהם בעשר לשונות של תפילה לברוך המנה היפה אשר ייטב בעיניהם בחידושים הללו, ובפרט אחרי מותי כי לימודם יהיה לי להשיב נפש ולעידון רוח ולזכות נשמתי, וצדקה תהיה להם וצדקתם תעמוד להם לאכול בעוה"ז ולשבוע בעוה"ב, ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'.

* * *

'ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'. 'ועיניכם תראינה בנים כבני בנים כשתילי זיתים סביב לשולחנכם, חכמים ונבונים, ובתים מלאים כל טוב, גם עושר גם כבוד לא יסופו מזרעכם'.

---


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות,
צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין
צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

**וזכות הצדיק ודברי תורותו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**